# אונזער וועג

УНЗЕРЪ ВЕГЪ. №6 ווילנא מיטוואָך דעם 10 (23) אָקטאָבער 1907.

## אינהאלט:

1) צו די וואהלען.
2) טעריטאָריאַליסטישע צייט־פֿראַגען II. *א. ב.*
3) אָטטאָ בּוי'ער וועגען דער אידענפֿראַגע. מ. אנין.
4) פּאָליטישע וואָך. שין.
5) פֿון דער אידישער פּרעסע. ל.
6) פֿון דער סאָציאַליסטישער וועלט: ק. קויטסקי. דער עכּענער פּאַרטיי־טאַג.
7) קאָרעספּאָנדענצען.
8) פֿעליעטאָן: 1) שמועסען וועגען דער אידישער ליטעראַטור I. ש. ניגער.
2) שוויג, שוועסטער! (סקיצע). ה. ד. נאָמבערג.

## צו די וואהלען.

—=—

די וואַהלען, וועלכֿע זענען שוין פֿאָרגעקומען אין דעם גרעסטען טייל פֿון רוסלאַנד, קענען שוין ניט איבערלאָזען קיין צווייפֿעל אין דעם כֿאַראַקטער פֿון דער צוקונפֿטיגער דומע. די יעניגע, וואָס אין זייערע אינטערעסען איז געמאַכֿט געוואָרען די מלוכה־איבערקערעניש פֿון 3־טען יוני, די 130,000 „זוברעס וועלען בילדען די געוואַלטיגע מעהרהייט אין דעם דריטען „רוסישען פּאַרלאַמענט".

דער גאַנג פֿון די וואַהלען קען אונז, פֿערשטעהט זיך, ניט איבערראַשען. דער געזעץ פֿון דעם 3־טען יוני האָט פֿאָרבערייטעט די מעגליכֿקייט און וואַהרשיינליכֿקייט פֿון אַזאַ מין אויסגאַנג. דאָך איז אָבער די ירושה, וועלכֿע איז געבליבען נאָך דעם טויט פֿון דעם אַלטען וואַהל־געזעץ, ניט אַזוי צוטיילט געוואָרען, ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען.

די אָקטיאַבריסטען, וועלכֿע האָבען מעלאַנכֿאָליש אַנערקענט די „טרויעריגע נויטווענדיגקייט" פֿון דער איבערקערעניש פֿון 3־טען יוני און זיך אַזוי פֿרעהליך געקליבען צו פֿערנעמען דאָס אָרט פֿון די קאַדעטען, געהען אַרויס פֿון דער וואַהל־קאַמפּאַניע ווייט ניט אַזוי ווי מען האָט זיך געקענט פֿאָרשטעלען.

דער „רויטער האָהן", וועלכֿער האָט אָנגעמאַכֿט אַזאַ חורבן אין זייערע נחלאות, דער שרעק צו פֿערלירען די ערד און זייער גאַנצע געזעלשאַפֿטליכֿע לאַגע, האָט געצוואונגען די רוסישע פּריצים צונויפֿנעמען אַלע זייערע כּחות, — און די ציטערענדיגע הענד פֿון דעם אָבשטאַרבענדען קלאַס האָבען זיך קאָנוואולסיוו אָנגעכֿאַפּט אָן דער רעגירונגס־מאַכֿט, וועלכֿע איז אַריינגעפֿאַלען אין זייערע הענד, מיט דער לעצטער האָפֿנונג מיט געוואַלד אָבשטעלען די בּרויזענדע געזעלשאַפֿטליכֿע כֿוואַליעס, וועלכֿע האָבען זיי ניט לאַנג געהאַט פֿערטרונקען. פֿון וועלכֿע זיי האָבען זיך אָבער אַזוי גליקליך און גאָר אונערוואַרטעט. פֿיר זיך זעלבּסט אויף אַ מאָמענט אַרויסגעכֿאַפּט...

די פּאָליטישע געשעהענישען זענען, ווייזט אויס, פֿיר קיינעם אומזיסט ניט פֿערגאַנגען. און אין אַ צייט, ווען די פֿויערען, וועלכֿע זענען אונטערדריקט אין משך פֿון הונדערטער יאָהרען, האָבען אַזוי שנעל בּעגריפֿען און פֿערשטאַנען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען „ערד און פֿרייהייט", האָבען אויך די פּריצים ניט געקענט ניט בּעגרייפֿען די פֿערקעהרטע קאָנסעקווענצען פֿון דעמזעלבען צוזאַמענהאַנג.

און אויב פֿיעלע פּריצים, ווי די „צוקראָכֿענע אָקטיאַבריסטען", האָבען נאָך געקענט חלום'ען און גלויבען פֿריהער אין דער מעגליכֿקייט פֿון „פֿרייהייט" (פֿערשטעהט זיך, אָקטאָבריסטישע פֿרייהייט) אָהן „ערד", האָבען זיי די פּאָליטישע געשעהענישען פֿון די לעצטע יאָהרען גענוג איבערצייגט אין דער אונמעגליכֿקייט פֿון אַזאַ מין „קאָמפּראָמיס"...

און וואָס ווייטער אַלץ רעאַקציאָנערער ווערען די פּריצים, אַלץ מעהר טרעטען זיי אויף רעכֿטס, — בּיז צו די בּיידע זעמסקע צוזאַמענפֿאָהרען, וועלכֿע האָבען שוין קלאָר און בּולט אַרויסגעוויזען זייער פּאָליטישע פֿיזיאָנאָמיע.

ניט אומגעבּיטען האָבען זיי זיך, פֿערשטעהט זיך, אויך יעצט, בּעת די וואַהלען צו דער דריטער דומע.

האָבּענדיג 2647 וואַהל־מענער, מעהר ווי אַ העלפֿט (564 פּראָצ.) פֿון דער אַלגעמיינער צאָהל פֿון 5252 וואַהל־מענער פֿיר גאַנץ־רוסלאַנד, קלייבען זיי זיך אָהן שום פּשרות אַריינצונעמען דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט אין זייערע הענד, כּדי איינצופֿיהרען אין לאַנד רוהע און „אָרדנונג" אויף זייער שטייגער און לויט זייערע אידעאַלען.

זיי געהערען, פֿערשטעהט זיך, ניט צו דעם „פֿעראיין פֿון רוסישען פֿאָלק". בּיי דער גאַנצער דעמאַגאָגיע פֿון די עכֿט־רוסישע לייט, ליעגט דאָך פֿאָרט אַ שטיקעל „דעמאָקראַטיזם" אין דעם „פֿעראיין", זיי ווענדען זיך אַפֿילו צום „דעק", אָבער אַלענפֿאַלס צו די מאַסען.

די „ערצויגענע" פּריצים קענען אויך ניט זיין צופֿרידען מיט דעם סקאַנדאַלעזען כֿאַראַקטער פֿון דער „עכֿט־רוסישער" טהעטיגקייט. און דער „פֿעראיין" געהט טאַקי אַרויס בּשן ועין פֿון דער וואַהל־קאַמפּאַניע.

בעלעטריסטישע זאמעל-ביכער, ווי „די וועלט", „ניי-צייט", „גאלדענע פונקען" און עס גרייטען זיך צום דרוקען נייע.

אויף דעם ליטערארישען און קינסלערישען ווערט פון די נייע זאמעלביכער וועלען מיר זיך פרובען אבשטעלען אין אונזערע ווייטערדיגע ליטערארישע שמועסען. דא האבען מיר נאר געוואלט קאנסטאטירען, אז שוין דער ריין-אויסוועניגסטער נומערישער (כמות'דיגער) וואוקס פון דער אידישער ליטעראטור איז אנ'ערשיינונג, וועלכע ערוועקט ביי אונז פרייד — און האפנונג...

ש. ניגער.

# שווייג, שוועסטער!

(סקיצע).

פון ה. ד. נאמבערג.

פעליא פיינשטיין האט שטענדיג געהאלטען ביי זיך א קליין פלעשעלע ציאניסטי קאלי. יעדע מינוט, ווען נור זי זאל דאס וועלען, קען זי אויסטרינקען מיט איין זופ דעם שארפען גיפט, און אין עטליכע מינוטען ארום איז זי טויט. איהר איז דאס פארגעקומען אזוי לייכט צו טהון, ווי, צום ביישפיעל, לעגען זיך שלאפען ביינאכט.

פאר עטליכע יאהרען, אין די זעלבע צייט, ווען זי איז געווען דאס לעצטע מאל אזוי שרעקליך גענארט און אזוי טיעף בעליידיגט, האט זי פעסט בעשלאסען, אז—גענוג! זי קען מעהר נישט איבערטראגען דאס אייביגע מאטערניש, זי מוז מיט איהרע אייגענע הענד איבעררייסען די קייט פון ליידען, וואס ציהט זיך און וועט זיך אזוי ציהען אהן א אויפהער, ווי לאנג זי וועט לעבען. איהר יוגענד האט שוין דעמאלט געהאלטען אין אבבליהען; מיט יעדען טאג איז געוואקסען דאס קלעמעניש אין הארצען, דאס בענקשאפט, וואס האט גענאגט און גענאגט און קיין מינוט נישט אויפגעהערט. מענשען זענען איהר דערעסען געווארען. די לעצטע געשיכטע האט איהר געעפענט די אויגען צו זעהן, וואס אייגענטליך די אלע מאנספערשוינען פערלאנגען פון איהר. זי האט זיך געפיהלט, ווי אנ'אונבעהאלפען בעשעפעניש אין וואלד, ארומגערינגעלט פון יעגערס, וואס ווילען זי פאנגען. און דאס הארץ האט אזוי געצויגען און געבענקט צו זיין, און דער געדאנק האט זיי אזוי פיינד געהאט!

זי איז געקומען ביינאכט א היים אין איהר צימער, האט ארויסגענומען פון טאש דאס קליינע פלעשעלע, האט עס געשטעלט אויף דער טאבורעטקע נעבען טיש און האט אנגעשריבען א קורצען בריעף צו איהר מוטער און איהר יונגערער שוועסטער, זי האט זיך אויסגעטהון און אנגעטהון קלארע וועש. דערנאך האט זי איבערגעצויגען די קישענס מיט ווייסע ציכלעך, איבערגעטווישט דאס ליילעך, אזוי אז איהר געלעגער האט געבלאנקט שפאגעל-ווייס און ניי. אין איינעם העמד האט זי זיך געשטעלט פאר'ן שפיגעל, האט אויפגעפלאכטען איהרע שווארצע האהר—דאס שענסטע וואס איהר איז געבליבען—און האט זיי געלאזט אראבפאלען פריי איבער איהר קאפ, און מיט שטילע רוהיגע טריט איז זי צוגעגאנגען צו'ם בעט און האט זיך געלעגט. זי האט זיך נישט געאיילט. בכלל, האט זי זיך גענומען אין זין אריין צו שטארבען רוהיג און שען, נישט אין איילעניש און כאפעניש, נישט אין אנ'אויפגערעגטער מינוט. זי איז געווען שטאלץ, האט געהאט א טיפע אכטונג צו איהר אייגענער פערזאן, און איהר האט נישט געקאנט איינפאלען קיין ספק, צי זי וועט האבען מוט אויסצופיהרען איהר בעשלוס.

זי האט אויסגעצויגען איהר שלאנקען קערפער אין בעט גלייך אראבגעלאזט די הענד איבער דער קאלדרע, האט צוגעמאכט די אויגען און זיך פערטראכט. זי האט זיך פארגעשטעלט דעם נאהענטען טויט, און ער האט זי נישט געשראקען. וועגען די עטליכע מינוטען פון אויסטרינקען דעם גיפט ביז צו'ם עק האט זי אפילו נישט געוואלט טראכטען. נארישקייטען! צוויי-דריי מינוטען ליידען, דאס איז דאך לעכערליך. און דערנאך... דערנאך האט זי זיך פארגעשטעלט, ווי איהר קערפער ליגט פערגליווערט אין בעט, די אויגען פערמאכט, דאס פנים בלאס; דאס הארץ שלאגט נישט מעהר, דער מח איז אנגעגאסען מיט בליי און ערגיץ, ערגיץ איז נישט דא מעהר קיין שפור פון דעם שווערען קלעמעניש! איהר איז אפילו שוין יעצט פרעהליך געווארען ביי דעם געדאנק, אז איהר הארץ וועט זיין פריי פון דעם געפיהל, וואס האט עס געשטיקט טאג און נאכט, ווי א שטיין. אויף איהר טיעף-פערטראכטען פנים מיט די פערמאכטע אויגען איז דורכגעלאפען עפיס ווי א שמייכעל.

זי האט אויסגעלעגט איהרע האהר אויפ'ן קישען, האט געעפענט די אויגען און האט אויסגעשטרעקט די האנד צו דער טאבורעטקע. די ליכטיגקייט, דער טיש, די באנק און די איבעריגע זאכען פון צימער האבען זיך אנגעשלאגען אין איהרע אויגען אויף עפיס א נייעם, גאר בעזונדערען ארט. זי האט געהאט פערגניגען פון דעם קוקען אויף זיי, פונקט זי וואלט אט-אזוי נאך קיינמאל אין איהר לעבען נים געהאט געזעהן. זיי אלע, פון דער טאבורעטקע ביז צו די אויסגעשטריקטע זוימען פון העמד אויף איהר ברוסט, ביז צו איהרע אייגענע, רוהיג-ליגענדע, הענד—אלץ, אלץ האט אויסגעזעהן אזוי אונבעקאנט און דאך אזוי בעקאנט, אזוי ניי און דאך אזוי אלט. עפיס א פארביגע ליכטיגקייט, וואס האט געשטאמט פון איהר אייגענעם וועזען, איז געלעגען אויסגעגאסען אויף אלעם און האט געגעבען גאר א נייעם קאלאריט דער וועלט ארום, איהר אליין, איהרע אלע געדאנקען און געפיהלען. אלץ האט זיך יעצט איינגעדוכט צו זיין שטיל, רוהיג און אזוי געבענשט אין זיך.

„יעצט שטארב איך" האט זי געטראכט. און אויך דער געדאנק, מיט וועלכען זי האט זיך אזוי לאנג ארום געטראגען, האט איהר יעצט אויסגעזעהן ניי. אויך אין איהם איז געלעגען בעהאלטען עפיס א געבענשטע רוהיגקייט, פון וועלכער זי האט פריהער קיין אהנונג נים געהאט. זי האט שוין גענומען דאס פלעשעלע אין האנד און עס צוגעטראגען צו די ליפען, אויפהייבענדיג דערביי אביסעל דעם קאפ פון קישען, און אין דעם זעלבען מאמענט האט א נייע אידעע אויפגעבליצט אין איהר קאפ, אן אידעע, וואס האט זיך געדוכט צו זיין טיעף און אונערגרינדליך, ווי דער סוד פון טויט און לעבען, און אלץ ארומנעהמענד אזוי ווי זיי. זי האט זיך אבגעשטעלט, האלטענדיג דאס פלעשעלע ביים מויל, אום צו טראכטען דעם גרויסען געדאנק. זי האט איהם נישט געהאט קיין ווערטער, און דאך איז ער געווען אזוי פראסט און קלאר. יענע וועלט פון קלעמעניש און בענקשאפט, פון ליידען און מאטערניש האט זי שוין געהאט אונטער זיך, און איהר איז אויפגעגאנגען א נייע וועלט, וואו ליידען זענען אונמעגליך, וואו קיין זאך שרעקט מעהר נישט, וואו מען בענקט נישט און מען פערלאנגט גאר נישט—א רוהיגע און א געבענשטע וועלט. איהר האט זיך געדוכט, אז אט יעצט שטעהט זי אויף דעם גרענץ פון טוידט און לעבען, אויף דעם פונקט, וואו זיי ריהרען אן איינער אן אנדערען און ווערען פערשלונגען איינער אין אנדערען און זענען איינס. זי האט ווידער צוגעמאכט די

אויגען, צוריקלעגענדיג דעם קאפ אויפ'ן קישען. פאר איהרע אויגען האבען זיך געטראגען אויפ'ן שווארצען פאן פערשיעדענע בעקאנטע געזיכטער, ציטערענדיג ווי ליכט-פלעמען. עס האט זיך אויסגערישעוועט דאס שמייכעלדיגעס ווייכעס, און דאך אזוי געהאסטעס פנים פון דעם סטודענט, מיט וועלכען איהר לעצטע געשיכטע איז געווען פערקניפט, — זי האט יעצט נישט געפיהלט קיין פיינדשאפט צו דעם פנים, קיין האס פון בעליידיגונג. דאס פנים איז געווען שטיל אין זיך, רוהיג אין זיך און געבענשט אין זיך, ווי דער גרויסער געדאנק, ווי די גאנצע וועלט. עס האבען זיך פערביי געטראגען איהר מוטער, איהר שוועסטער, בעקאנטע—אלע האבען געהאט דעם זעלבען אויסדרוק.

„צי בין איך שוין געשטארבען"? — האט זי זיך געפרעגט. נאר ניין, זי איז נישט טויט, דאס פלעשעלע גיפט איז נאך געווען אין איהר האנד, און זי האט עס נאך געהאלטען פאר איהרע ליפען. און אין דער מיסטישער העלקייט פון איהר קאפ האט זיך פאמעליך אויסגערישעוועט א קלארער געדאנק: „איך שטארב דאך רוהיג, גליקליך און מיט פרייד!" און באלד דערויף האט זיך צוגעשפינט א נייער געדאנק:

„אויב מען קען אזוי רוהיג און גליקליך שטארבען, וואס שרעקליכעס איז ווידער פאראן אין לעבען? צו וואס זיך איילען?"

די גאנצע נאכט איז זי דורכגעלעגען מיט פערמאכטע אויגען, און אין איהר קאפ האבען זיך געטראגען אונקלארע בילדער און געדאנקען. אויף מארגען, ווען זי האט זיך אויפגעהויבען און געעפענט די אויגען, איז נאך געלעגען אויף אלעם א נאכ-קלאנג פון דעם נעכטיגען קאלאריט, אלץ האט נאך אויסגעזעהן עפיס ווי נייע, און אליין האט זי זיך געפיהלט ווי ניי-געבארען... א וואונדער איז געשעהן: איהר הארץ איז געווען פריי, קיין שפור פון דעם קלעמעניש, קיין שאטען פון דער בענקשאפט איז דערין מעהר נישט געווען.

„צי האב איך נישט געהאט קיין מוט אויסצופיהרען?" — האט זי זיך דעם זעלבען טאג געפרעגט: „נור, ניין! איך קען רוהיג שטארבען. וועט זיך נור אנהויבען דאס קלעמעניש אין הארצען, וועל איך דאס טהון, און טהון אהן א ציטעריגער האנד, איבערלעגטערהייט, מיט קלארע געדאנקען". און דאס פלעשעלע גיפט איז געבליבען ביי איהר גרייט אויף עס אויסצונוצען, ווען זי וועט בעשליסען.

זי איז געבליבען לעבען אויף דערוויל, פיהלענדיג זיך אויף דער שוועל פון טויט. יענע נאכט האט ארויפגעלעגט אויף איהר א בעזונדערען שטעמפעל. איהר בליק, דער אויסדרוק פון איהר פנים, איהרע מאנירען, איהר שטים אפילו האבען זיך געענדערט, און זי האט פערשפרייט ארום זיך א טיפע, אונפערשטענדליכע ערנסטקייט און ווירדיגקייט. אין איהר געגענווארט איז מען געגאנגען געלאסען און גערעדט שטיל. האט ווער בעלאכט, האט ער זיך דערשראקען פאר זיין אייגען קול. און ווען זי האט צופעליג ארויפגעלעגט איהר האנד אויפ'ן טיש, איהר פיין-אויסגעשניטענע האנד מיט די לאנגע ווייסע פינגער, האט מען געפיהלט א דרך-ארץ צו איהר, און די בליקען זענען געווען צו איהר צוגעצויגען ווי מיט א מאגנעטישער קראפט. זי האט ווייטער געגעבען לעקציעס, געפיהרט די ווירטשאפט, גערעדט ווייניג און נור צו דער זאך, נאר איהרע פראסטע רייד וועגען פראסטע, היימישע זאכען האבען געמאכט א מאדנעם איינדרוק,

גלייך ווי אונטער זיי וואלט זיך פערבארגען עפיס א גרויסער סוד.

זי איז געווארען א פרעמדע אין הויז. אי די קראנקע מוטער, אי די שוועסטער האבען מיט איהר נישט גערעדט קיין איבריגע רייד, און אלע האבען געוואוסט, אז זי טראגט אין הארצען בעהאלטען פון אלעמען איהר גרויס אומגליק.

טעג זענען פערגאנגען נאך טעג, זי האט געלעבט אין איהר נעבעל און האט געשוויגען. די מוטער איז געשטארבען, די שוועסטער האט געענדיגט דאס גימנאזיום, זי אליין איז געווארען עלטער. נאר איהר איז עס פארגעקומען, ווי קיין זאך וואלט זיך נישט ענדערן. אלץ וואס ס'איז געשעהן; איז געשעהן אזוי נאטירליך און פערשטענדליך, אז אנדערש האט גאר נישט געקענט זיין. געדוכט האט זיך, אז פון יענעם טאג אן איז אלץ אין איהר און ארום איהר פערגליווערט געווארען און ריהרט זיך נישט מעהר. איהר יוגענד אפילו וועלקט מעהר נישט, און זי בלייבט די זעלבע ווי פאר א יאהר, ווי פאר צוויי יאהר. זי האט געלעבט אהן פריידען און אהן ליידען, טאג-איין—טאג-אויס, אין דער זעלבער גלייכגילטיגקייט, און טיילמאל האט אויסגעזעהן, אז זי האט פערלארען די פעהיגקייט אונטערצושיידען צווישען לייד און פרייד, גליק און אומגליק. מיט דער צייט נור האט זיך ביי איהר אויסגעארבייט א בעזונדערער געשמאק: זי האט נישט ליעב געהאט קיין פארביגע קליידער; אליין האט זי געטראגען אדער שווארץ, אדער—אין דער היים—ווייס; די בלוזען איהרע האט זי אזוי קונציג צוגעשניטען און פערווארפען מיט פאלבען, אז זיי האבען נישט געלאזט ארויסזעהן איהר ברוסט. און פון ביכער האט זי נישט געקענט ליידען אלערליי ראמאנען און ליעבעס ליעדער, וואס האבען אויף איהר געמאכט אנ'אבשטויסענדיגען איינדרוק, גלייך ווי מען וואלט בעריהרען מיט אונפערשעמטע גראבע הענד א הייליגטום.

די יונגערע שוועסטער, אננא, איז אויסגעוואקסען שען און געראטען. זי פלעגט געפעלען. האט זיך פערליעבט, און עס האט זיך אנגעהויבען פאר איהר די זעלבע אונרוהיגע צייט, וואס פעליא האט אזוי גוט געקענט. אננא פלעגט א היים קומען ביינאכט דא פרעהליך, דא טרויעריג, האט פיעל מאל געוויינט. פעליא האט אויף איהר געקוקט מיט איהר טרויעריג-גלייכגילטיגען בליק, און האט געפיהלט, ווי דאס יונגע פרישע לעבען פון איהר שוועסטער ברעכט זיך, ווי איהר'ס אמאל. נאר זי האט געשוויגען, געשוויגען, ווייל זי האט איהר נישט געהאט וואס צו זאגען. זעלטען נור האט געטראפען, אז זי האט זיך געזעצט נעבען דער שוועסטער, האט געגלעט איהרע האר און האט געפרעגט, ווי שפעט ס'איז. די יונגערע שוועסטער האט זיך צוגעטוליעט צו איהר, האט שטיל געוויינט, און איהר יונגער קערפער האט געציטערט אונטער דער שוועסטער'ס האנד. פעליא איז אויפגעשטאנען צורודערט, דאס הארץ איהר'ס איז אונרוהיג געווארען, עפיס האט אנגעהויבען צו נאגען, און זי האט זיך דערמאנט אן דעם קליינעם פלעשעלע.

„צי איז שוין געקומען די צייט?"—האט זי זיך געפרעגט אין אזא אויפגערעגטען מאמענט. נאר ביי דעם געדאנק אליין איז איהר הארץ געווארען צוריק רוהיג, אלץ ארום איהר פערשטענדליך און נאטירליך, און צייטענווייז איז פערשוואונדען די גרענעץ צווישען פרייד און לייד...

(ענדע קומט).

רעדאקטאר-הערויסגעבער י. פליסקין

Редакторъ-Издатель С. ПЛИССКИНЪ

1565200

Liet. TSR Knygų Rūmų Knygų Saugykla

# אונזער וועג

**ווילנא** פרייטאָג דעם 19 (31) אָקטאָבער 1907. № 7 УНЗЕРЪ ВЕГЪ.


## אינהאלט:


1) צו דער לאגע.
2) וועגען אַנ'אַנקעטע. ד. וו.
3) עמיגראַציאָנס-אידעען אין דער אידישער געזעלשאַפט. א. דניאלי.
4) טעריטאָריאַליסטישע צייט-פראַגען א. ב.
5) צו דער פינאַנציעלן-פראַגע. י. ווי-קאָוו.
5) פּאָליטישע וואָך. שין.
6) פון אידישען לעבען. מ.
7) די פראַגען וועגען אויסוואַנדערונג און טעריטאָריאַליזם אין שטוטגאַרט. מ. א. ש.
8) קאָרעספּאָנדענצען.
9) פעליעטאָן: 1) הערבסט-מאָטיוון, יהודית. 2) טיין איינציגער, ב. לאפין. 3) שווייג, שוועסטער! (סקיצע). ה. ד. נאָמבערג.


## צו דער לאַגע.

די ידיעות, וועלכע מיר האָבען שוין יעצט וועגען די וואַהלען פון די דעפוטאַטען דעם 14-טען אָקטאָבער, בעשטעטיגען אין א פולער מאָס די מיינונג, וועלכע מיר האָבען אַרויסגעזאָגט דעם פאָריגען מאָל.

ס'זענען שוין אויסגעקליבען געוואָרען 331 דעפוטאַטען, דריי פערטיל פון דער גאַנצער צאָהל (442) פון די „פאָלקס-ערוועהלטע" וועלכע וועלען בילדען אונזער דריטען „פאַרלאַמענט".

און נאָר אַנ'ערך 76 פון די 331 ערוועהלטע דעפוטאַטען געהערען צו די פעעשידענע טיילען פון דער אָפּאָזיציע; די איבריגע, מעהר ווי דריי פירטעל פון דער גאַנצער צאָהל, געהערען צו די רעכטע און שוואַרצע פאַרטייען, אָנפאַנגענדיג מיט די אָקטיאָבריסטישע און ענדענדיג מיט דעם „פעראיין פונ'ם רוסישען פאָלק". וועלכער וועט אויך אפילו האָבען, ווי ס'ווייזט אויס, א פּאָר צעהנדליג ערטער אין דער דומע.

ס'איז מעהר ווי וואַרשיינליך, אַז ביי די וואַהלען פון די איבריגע דעפוטאַטען, וועט דער פראָצענט פון די אָפּאָזיציאָנעלע דעפוטאַטען וואַקסען. די מחברים פון דעם געזעץ פונ'ם דריטען יוני האָבען בכיון אַזוי איינגעאָרדענט די וואַהלען, אַז פריהער פון אַלץ זאָלען זיי פאַרקומען דאָרט, וואו זייער זיעג איז אָהן א ספק, דיזער ערשטער עפעקט זאָל אויף אַזאַ אופן ווירקען אויף דעם ווייטערדיגען גאַנג פון די וואַהלען.

נאָר ווי ס'זאָלען אָבער זיך ניט אויסלאָזען די וואַהלען פון די איבריגע דעפוטאַטען, — אַביסעל ערגער אָדער אַביסעל בעסער, — איז קלאָר, אַז קיין ראַדיקאַלע ענדערונג קענען זיי שוין ניט אַריינטראָגען, די דריטע דומע וועט זיין א שוואַרצע, א פריצישע דומע.

אין דער צאָהל פון די דעפוטאַטען געפינען מיר שוין יעצט דעם שטאַב פון דער אָרגאַניזירטער רעאַקציע, נעמען, וועלכע האָבען געקראָגען אַזאַ טרויעריגען שם אין די לעצטע יאָהרען, מענשען, וועלכע זענען שוין גענוג בעריהמט געוואָרען דורך זייער „פּאַטריאָטישער טהעטיגקייט". ס'איז גענוג אָנצורופען די נעמען פורישקעוויטש, סינאַדינאָ, באָברינסקי, גוסטאַוו שמידט, דאָס איז דער בעסטער, פיעל-זאָגענדער שילד פאַר דער דריטער דומע.

וואָס זשע טראָגט דיזע שוואַרצע דומע דעם לאַנד, אין וואָס פאַר א לאַגע שטעלט זי די לינקע, ראַדיקאַלע עלעמענטען, וואָס פאַר א אויפגאַבען רוקט זי פאַר זיי אַרויס?

די דריטע דומע וועט ניט נאָר ניט קענען לייזען די פּראָבלעמען, די האַרבע און שווערע פּראָבלעמען פון רוסלענדער לעבען, וועלכע ס'האָבען אַרויסגערופען די גרעסטע פּאָליטישע איבערקערעניש, זי וועט אפילו ניט זיין אימשטאַנד צו געפינען דעם וועג צו דעם קלענסטען קאָמפּראָמיס, וואָס זאָל לכל הפחות אויף א קורצע צייט אַרויספיהרען דאָס לאַנד פון דעם צושטאַנד פון שווערען און שאַרפען קריזיס, אין וועלכען עס געפינט זיך שוין אַזוי פיל יאָהר.

א פריצישע נאָך איהר סאָציאַלען בעשטאַנד, וועט די דריטע דומע אפשר מאַכען אונזיכערע טריט אויף דעם וועג צו קליינע פּאָליטישע רעפאָרמען. וואָס איז שייך די אָקטיאָבריסטען, איז מעגליך, אַז אין דער דומע זעלבסט זאָלען זיי דורכמאַכען א געוויסע, אָבוואָהל קיים בעמערקבאַרע עוואָלוציע אויף לינקס אין זייער פּאָליטיק. ביי דער אָדער יענער קאָמבינאַציע אין דומע קענען זיי נאָך זיך נאָכשלעפען אויך א געוויסען טייל פון די רעכטע, בעזונדערס פון די אַזוי גענאַנטע אונפּאַרטייאישע. אָבער דערפאַר מאַכט דער יעצטיגער בעשטאַנד פון דער דומע לחלוטין אונמעגליך יעדע ערנסטע רעפאָרם אין די אַגראַר-אַנגעלעגענהייטען, וואָס שפּילען אַזאַ וויכטיגע ראָליע אין דער רעוואָליוציע, וועלכע מיר לעבען איבער. דאָ, אין דער פראַגע וועגען ערד, וועלען די פריצים געוויס זיין „מעהר פּאַפּיסטיש, ווי דער פּאַבסט זעלבסט"; אַזוי ווי אין דער פראַגע וועגען דער „זעמסטוואָ", קענען זיי אויסווייזען צו ראַדיקאַל אפילו די געזעצפּראָיעקטען פון אונזער רעגירונג. אין דער לעצטער פראַגע קענען די פריצים, דער אַדעל אַנדערש ניט האַנדלען, צופיל איז פון דעם אָבהענגיג זייער גאַנצע סאָציאַלע און פּאָליטישע לאַגע, זיי זאָלען געהען אויף וועלכע ס'איז ערנסטע הנחות. אָבער אויך אין שמאָל פּאָליטישען הינזיכט זענען זיי צו שוואַך, צופיעל אָבהענגיג פון דער ביוראָקראַטיע, אַז זיי זאָלען זיך ערלויבען אַריינטרעטען מיט איהר אי

„צו ייאס, צו וואס האט דאס געהערט?“ האט זי געטראכט אויפגערעגט.

דאס יונגע לעבען, וואס האט געווימעלט ארום איהר, דער שטענדיגער פלירט, דאס פרעהליכער געלעכטער, דאס לויפען און זינגען, די אלע יונגע קאמפאניעס, מיט וועלכע איך איהר שוועסטער האט פערברנגט — אלץ דאס איז איהר געווען דערווידער, האבען זי געערגערט, און זי האט זיך נאך מעהר פערטיעפט אין איהר אייביגען געדאנק וועגען טויט. און טראכטענדיג אזוי, האט זי טיילמאל געקוקט מיט שטאלץ ארום זיך, שטאלץ מיט איהר פערשלאסענעם הארץ, מיט איהרע ליידען, וואס זי האט פאר קיינעם, פאר קיינעם ניט ארויסגעזאגט, שטאלץ מיט איהר מידעלשאפט, וואס איז פערבליבען ביי איהר, ווי א פערוועלקטע הייליגע בלום. נאר די לינדע אווענדען, דער געוויטעלטער הימעל, דאס פארבען־שפיעל אויף מערב־זייט, די ביסלעכווייז צופאלענדע פינסטערקייט, — האט זי ניט געקענט מעהר פערטראגען. זיי האבען מאדנע געריצט דאס הארץ, געוועקט די אלטע, שוין פערגעסענע בענקשאפט, און צוריקגעהענדיג אהיים האט זי יעדעס מאל געטראכט וועגען דער פלעשעלע.

נאך איינעם אזא אווענד איז זי געקומען אהיים און האט געטראפען איהר שוועסטער א פערוויינטע. זי איז געזעסען אויפ'ן בעט, אנגעשפארט מיט די הענד אויף דער אנלעהן פון בעט, און אז פעליא איז אריינגעקומען, האט זי בעהאלטען דעם קאפ צווישען די הענד. די דאזיגע פאזע האט פעליא'ן דערמאהנט אן איהרע אייגענע דורכגעלעבטע יאהרען. אמאל, ווען זי פלעגט קומען אהיים בעליידיגט, און דאס הארץ, האט זיך געדוכט קען מעהר ניט איבערטראגען דאס גרייסע ביטערע געפיהל, דעמאלט פלעגט זי אט פונקט אזוי זיצען, וויינען און טראכטען שעה'ן לאנג. „ווי זי מוטשעט זיך יעצט!“ — האט זי געטראכט וועגען דער שוועסטער, און איהר איז דאס ערשטע מאל איינגעפאלען, אז מען דארף זי טרייסטען. זי האט זיך געזעצט נעבען איהר און גענומען, ווי געוועהנליך, גלעטען איהרע האהר:

— וויין נישט, אננא, וויין נישט...

די יונגערע שוועסטער האט זיך נאך מעהר פערחליפט, איהרע אקסלען האבען געציטערט, און מיט אמאל האט זי זיך אומגעקעהרט צו איהר שוועסטער, האט זיך צוגעטוליעט צו איהר, בעהאלטענדיג דעם קאפ אויף איהר ברוסט.

— איך קען נישט מעהר. שוועסטער, איך קאן נישט, איך וועל ליעבער שטארבען, איך וויל נישט אזא לעבען — האט זי געזאגט מיט א קאפריזנעם טאן.

— איך פערשטעה, קינד — האט פעליא גערעדט שטיל, איך פערשטעה אלץ. איך האב דאס אלץ דורכגעלעבט, לאנג, שוין לאנג, און דו זעהסט דאך — איך לעב...

זי איז אנטשוויגען געווארען, דערשראקען פון איהרע אייגענע ווערטער, וואס האבען עפיס אזוי מאדנע געקלונגען. און אננא, וואס האט נאך קיינמאל נישט געהערט איהר שוועסטער ריידען אין אזא טאן, האט אויפגעהויבען נייגעריג דעם קאפ, און איהר בליק האט שטום געבעטען איהר שוועסטער, זי זאל ווייטער רעדען.

— דו האסט קיין בעגריף נישט, שוועסטער, וואס א מענש קאן זיך אנליידען אויף דער וועלט, וואס דאס הייסט ליעבען און גענארט זיין און בעליידיגט, אז איך האב דאס ערשטע מאל ליעב געהאט, האב איך געפיהלט אזא גליק, אז מיר האט זיך געדוכט, איך וועל עס נישט איבערטראגען; און דאס צווייטע מאל איז שוין מיין גליק געווען געמישט מיט פערדרוס; דאס דריטע מאל — האב איך געוויינט און געבענקט, געבענקט און געוויינט, און דאס פיערטע מאל — איז געווען נאך ערגער, אלץ ערגער און ערגער...

זי האט אבגעהאקט, פיהלענדיג זיך בעליידיגט פון איהרע אייגענע ווערטער, זי האט ארומגענומען די שוועסטער און האט שטיל געבעטען:

— נו, דערצעהל, דערצעהל...

פעליא האט געוואלט דערצעהלען איהר לעצטע געשיכטע, וועלכע האט איהר אויסגעזעהן אזוי ווילדיג, אזוי שרעקליך און גרויזאם, נאר זי האט אבגעהאקט ביי די ערשטע ווערטער:

— ניין, ניין... איך וועל נישט דערצעהלען. דו ייעסט דאס ניט פערשטעהן.

נאר אננא איז צוגעשטאנען צו איהר און האט געבעטען:

— דערצעהל, איך בעט דיר, איך פערשטעה אלסדינג, וויים דער טייוועל וואס זיי טראכטען וועגען אונז...

די דאזיגע ווערטער האבען פעליא'ן טיעף בעליידיגט. זי האט געוואלט איבערצייגען די שוועסטער, אז זי האט א טעות; אז איהר אומגליק איז געווען גאר אנדערש, און אז ליעב געהאט האט זי אויך גאר אנדערש, און האט גענומען ווייטער דערצעהלען. נאר וואס מעהר זי האט דערצעהלט, אלץ אונבעדייטענדער איז דאס דערצעהלטע ארויסגעקומען. ס'איז עהנליך געווען, ווי איינער זינקט אין א בלאטע, און וואס מעהר ער וויל זיך ארויסראטעווען, אלץ טיעפער ווערט ער פערפאלען.

— פערשטעהסט דו, דאס איז געווען ניט אזוי. מיר זענען געגאנגען שפאצירען. דערנאך האט ער מיך בעלייט אהיים. מיר זענען געפאהרען אין א דראזשקע, און פלוצלונג האט ער מיך ארומגענומען און געקושט, איך האב מיך שרעקליך דערשראקען...

„דאס איז נאריש, באנאל“ — האט זי געטראכט — „נישט דאס וויל איך זאגען“... און האט דערצעהלט ווייטער. איהר הארץ איז פוסט געווארען, זי האט זיך דערפיהלט דערשלאגען און צובראכען, און פלוצלונג האט א ווילדער העפטיגער ווטהאג געפרעסט איהר הארץ, איהרע אויגען, וואס האבען אזוי לאנג שוין נישט געקענט קיין טרעהרען, זענען מיט אמאל פייכט געווארען, און זי האט געוויינט פאר דער שוועסטער, געוויינט לאנג און ביטער, און די טרעהרען האבען איהר נישט לייכטער געמאכט, נור האבען זיך געלעגט ווי שווערע שטיינער אויף איהר הארץ.

אין דער פריה, ווען אננא איז אויפגעשטאנען, האט זי געפונען די שוועסטער טויט, דאס פלעשעלע איז געווען אויסגעטרונקען, און אויפ'ן טיש איז געלעגען א צעטעל, אין וועלכען עס זענען געשטאנען פאלגענדע ווערטער:

„איך שטארב, שוועסטער. אייגענטליך, בין איך שוין לאנג געשטארבען. בלייב געזונד. אויב דיר וועט אויסקומען צו ליידען אזוי פיעל ווי מיר, דערצעהל קיינעם נישט פון דיינע ליידען. היט זיי אין דיין הארצען, זאלען זיי זיין פערבארגען און הייליג, און שוייג, שוועסטער, שווייג!“

רעדאקטאר־הערויסגעבער י. פליסקין.
15652 1
Редакторъ-Издатель С. ПЛИССКИНЪ

Liet.TSR Knygų Rūmų ... knygų ...